# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת משפטים, שבת שקלים, מברכים חודש אדר, כ"ז שבט, שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 20 (738)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:10
מוצאי שבת קודש............6:42

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............................איכה ג'
בבלי........................מנחות ל"ד
ירושלמי...................גיטין כ"ה
תוספתא.................שביעית ב'
רמב"ם.....ספר טהרה-ספר המדע

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם, אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע סֶדְרָה לֶערְנְט אוּנְז דִי תּוֹרָה דִי הֲלָכוֹת וָואס זֶענֶען פַארְהַאן בַּיים הַאנְדְלֶען מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, וִוי אַזוֹי מְ'דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ בַּא'גַנְבְ'עֶנֶען אַ צְוֵוייטְן, נָאר הַאנְדְלֶען מִיט יוֹשֶׁר אוּן עֶרְלִיכְקֵייט, אוּן וֶוען סְ'אִיז דָא אַ סִכְסוּךְ צְווִישְׁן צְוֵויי אִידְן, וִוי אַזוֹי דָאס דַארְף צוּ בַּאהַאנְדְלְט וֶוערְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ר"פ), וֶוען אַ אִיד דַארְף גֵיין צוּ דִין תּוֹרָה, אִיז דָאס אַ שְׁטְרָאף וָואס דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אִים. וַוייל בֶּאֱמֶת דַארְף אַ אִיד ווִיסְן אַז אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן וָואס עֶר פִירְט אִיז אֵיין שְׁטִיק תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע זָאגְט אַז אוֹיב וֶוען מְ'לֶערְנְט דִי הֲלָכוֹת פוּן "הַמַּחְלִיף פָּרָה בַּחֲמוֹר" אִיז דָאס תּוֹרָה, אִיז דָאךְ זִיכֶער וֶוען אַ אִיד אִיז מְקַיֵּים דִי הֲלָכוֹת, עֶר טוּט מַמָּשׁ דִי זַאכְן לוֹיט וִוי אַזוֹי דִי תּוֹרָה הֵייסְט, אִיז עֶס דָאךְ זִיכֶער תּוֹרָה. וֶוען אַ אִיד גֵייט אַרוֹיס אַרְבֶּעטְן אוּן מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, דַארְף עֶר טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן דִי תּוֹרָה אוּן דִי הֲלָכוֹת וָואס זֶענֶען דָא בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, אוּן זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְצוּרִירְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וֶוען מְ'פַארְגֶעסְט אָבֶּער פוּן דֶעם, מְ'וֶוערְט פַארְנוּמֶען נָאר מִיט דִי גֶעשֶׁעפְטְן אַלֵיין, מְ'נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ דִי תּוֹרָה וָואס לִיגְט אִין יֶעדֶע זַאךְ, דַאן אִיז זַיין עוֹנֶשׁ אַז עֶר מוּז גֵיין צוּ דִין תּוֹרָה, אוּן דֶעמָאלְט מוּז עֶר דָאךְ אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְן אַלֶע זַאכְן, אוּן אֲפִילוּ אַלֶע מַחְשָׁבוֹת, וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיים גֶעשֶׁעפְט פוּן אָנְהוֹיב בִּיז'ן סוֹף, אוּן דִי דַיָּינִים הֶערְן דָאס אַלֶעס אוֹיס אוּן לוֹיט דֶעם פַּסְקְ'עֶנֶען זַיין דִי דִין תּוֹרָה, קוּמְט אוֹיס אַז יֶעצְט הָאט עֶר צוּרִיק אַלֶעס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ סַיי ווּאוּ נָאר גֶעפוּנְט זִיךְ, אַ אִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאר אִין שׁוּל, בַּיים דַאוֶונֶען אוּן בַּיים לֶערְנֶען, אוּן וֶוען עֶר גֵייט אַרוֹיס צוּ דִי אַרְבֶּעט פַארְגֶעסְט עֶר חַס וְשָׁלוֹם פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לָאזְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי זַייט, נָאר גוּט ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים אַלֶעמָאל, סַיי ווּאוּ אַ מֶענְטְשׁ גֶעפוּנְט זִיךְ נָאר, סַיי אִין וֶועלְכֶע מַצָּב אַ אִיד דַארְף אָנְקוּמֶען, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלְץ מִיט אִים, אֵייבִּיג אִיז דָא הֲלָכוֹת וָואס מְ'דַארְף גֶעדֶענְקֶען מְקַיֵּים צוּ זַיין, אוּן אַלְץ דַארְף מֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן י"ג) אַז אַמָאל אִיז דָא גָאר טֵייעֶרֶע דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס קוּמֶען אַרוֹיס דַוְקָא וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, עֶס גֵייט אִים שְׁוֶוער זַאכְן, אוּן דַאן זָאגְט עֶר אַרוֹיס בֶּאֱמֶת זַיין גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט מִיט פַּרְנָסָה, דַארְף עֶר ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים אַלֶעמָאל, עֶר זָאל גֶעדֶענְקֶען צוּ הִיטְן אַלֶע הֲלָכוֹת, נִישְׁט צוּ בַּא'גַנְבְ'עֶנֶען אַ צְוֵוייטְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאל עֶר זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אִים שְׁוֶוער אִין פַּרְנָסָה, עֶר זָאל ווִיסְן אַז אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן קוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן צִיל אִים צוּ דֶערְמַאנֶען צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט דִי גַאנְצֶע פַּרְנָסָה זַיין אֵיין שְׁטִיק תּוֹרָה אוּן אֵייבֶּערְשְׁטֶער. (תּוֹךְ הַנַּחַל מִשְׁפָּטִים תשע"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת שְׁקָלִים

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וָוארְט שׁוֹין אוֹיף דִי ד' פַּרְשִׁיוֹת זִיךְ צוּ קֶענֶען זֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּנִים בְּפָנִים"; דִי צַדִיקִים הָאבְּן אוּנְז אוֹיסְגֶעזָאגְט אַז אִין דִי שַׁבָּתִים לִיגְט עֶפֶּעס גְרוֹיסֶע זַאכְן, מִיר זֶעעֶן נִישְׁט, אָבֶּער מִיר גְלֵייבְּן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִיקִים, אוּן אַז זֵיי זָאגְן אַז דִי שַׁבָּתִים זֶענֶען גְרוֹיסֶע שַׁבָּתִים - דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי הֵיילִיגְקֵייט וָואס עֶס קוּמְט אִין דִי צַייט.

בַּיים דַאוֶונֶען זָאגְן מִיר דִי יוֹצְרוֹת, סַיי בַּיי שַׁחְרִית אוּן אוֹיךְ בַּיי מוּסָף, מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "'אוֹר פָּנֶיךָ עָלֵינוּ אָדוֹן נְשָׂא', הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין דִיךְ צוּ שְׁפִּירְן אוּן דִיךְ צוּ זֶען, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער

<<<<<<

## א גוט ווארט

מִיר הָאבְּן נָאךְ אַ וָואךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי"ם טֶעג, וֶוען מֶען קֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מְתַקֵּן? וִוי הֵייבְּט מֶען אָן? וָואס טוּט מֶען? דוּרְךְ לִימּוּד הַתּוֹרָה, בִּפְרַט לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת; דָאס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עִמְקֵי עֲמָקִים, פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶעֱלִיתָ מִן שְׁאוֹל נַפְשִׁי", דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת דִי וָוארְט מִשְׁנָ"ה, אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת", מִיר וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת בִּזְכוּת לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת; סַיי בִּכְלָלִיּוּת אוּן סַיי בִּפְרָטִיּוּת, דִי גְרוֹיסֶע גְאוּלָּה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשְׁנְ'ס גְאוּלָּה.

עַל כֵּן וִויל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, זָאג אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק, זָאג וִויפִיל דוּ קֶענְסְט; דָאס וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע פְלֶעקְן פוּן דִי עֲבֵירוֹת, עֶס וֶועט דִיךְ מַאכְן רֵיין אוּן שֵׁיין.
(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִשְׁפָּטִים תשפ"ו)



דער מולד וועט זיין: דינסטאג פארטאגס 50 מינוט און 12 חלקים נאך 3 | ראש חודש אדר יהיה ביום השלישי ולמחרתו ביום הרביעי

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דִמְיוֹן פוּן חֲבֵרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, טֵייעֶרֶער חַבֶר, לָאז דִיךְ אָפּ פוּן דִי דִמְיוֹן 'חֲבֵרִים', מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דִמְיוֹן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן, מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְבְּרֶענֶען אוּנְזֶערֶע טֶעג, אוּנְזֶערֶע יָארְן, מִיט כְּלוֹמֶר'ישֶׁע חֲבֵרִים, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "אוֹיבּ אַ חַבֶר, אוֹיבּ אִיז דָא אַ חַבֶר– אִיז דָאס דִי וַוייבּ"; זִי אִיז דִיר גֶעטְרֵיי, זִי הֶעלְפְט דִיר מְגַדֵל זַיין דִי קִינְדֶער.

עֶס וֵויינְט מִיר מַיין הַארְץ פַארְוָואס אִיךְ קֶען צוּרִיק הֶערְן אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וִוי זֵיי זֶענֶען פַארְ'שִׁיכּוֹרְ'ט מִיט חֲבֵרִים, פַארְ'שִׁיכּוֹרְ'ט מִיט דִי טֶעלֶעפָאן; דִי וַוייבּ פַאלְט פוּן דִי כּוֹחוֹת, זִי הָאט פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער, זִי אִיז אַ שְׁמַאטֶע, דֶער מַאן אִיז אִין זַיין וֶועלְט מִיט זַיינֶע כֵּלִים, טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט וְכוּ', רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס וֶועט דָא זַיין...?

מֶען קוּקְט אוּנְז אָן וִוי דִי שְׁוַואכֶע פוּן בְּרֶסְלֶב, וַוייל בַּיי אוּנְז רֶעדְט מֶען טָאג אוּן נַאכְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ'; הֶער אוֹיס טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ קַיין מִירוֹן וְכוּ', אִיז מֶען נִישְׁט קַיין קַל, מֶען אִיז אַ שׁוֹטֶה אוּן אַן אַכְזָר, (אַז מֶען הָאט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער), אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶס אִיז פָּשׁוּט זַיין אַ שְׁלֶעכְטֶער, וַוייל מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, מֶען זָאל הֶעלְפְן דִי וַוייבּ, הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער, הֶעלְפְן מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, (אִיךְ גֶעדֶענְק גָאר גוּט, אֵיידֶער מַיין הִתְקַרְבוּת וִוי אַזוֹי מֶען אִיז אִין דִי דִמְיוֹן וְכוּ' וְכוּ').

הַלְוַואי זָאל אִיךְ הָאבְּן דִי זְכִיָ' צוּ קֶענֶען דָאס אַריינְבְּרֶענְגֶען צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען זָאל נִישְׁט מְבַטֵל זַיין דִי טֶעג אוּן דִי יָארְן מִיט דִי דִמְיוֹן פוּן חֲבֵרִים, מֶען זָאל זַיין אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן דִי וַוייבּ, מְחַזֵק זַיין דִי וַוייבּ, אַזוֹי הָאט מֶען הֵיילִיגֶע מוֹחִין, דָאס אִיז אַן אֱמֶת'עֶ עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִשְׁפָּטִים תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

ה. כְּשֶׁאָדָם חוֹשֵׁב כָּךְ וְכָךְ אֶעֱשֶׂה כָּךְ וְכָךְ תַּעֲלֶה בְּיָדִי, עַל יְדֵי זֶה אֵין מַחֲשַׁבְתּוֹ נִתְקַיֵּם. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, "אִיךְ וֶועל טוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אוּן דַאן וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אַזוֹי אוּן אַזוֹי", דָאס מַאכְט אַז עֶס זָאל נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט.

ו. גָּלוּת מְכַפֶּרֶת עַל הַכֹּל. גָלוּת לַיידְן, פַארְצֵייעֶט אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.



אִיךְ בִּין אַזוֹי גֶעפַאלְן, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג מִיט כַּוָונָה דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, וֶוען וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַלֶע מַיינֶע שִׁיעוּרִים, מִקְרָא מִשְׁנָה גְּמָרָא מֶדְרָשׁ הֲלָכָה וְאַגָּדָה וְכוּ'? הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל שׁוֹין זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל שׁוֹין זַיין אָפְּגֶעהִיטְן".

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלֶע יָארְן גֶערֶעדְט פַּרְשַׁת שַׁבָּת שְׁקָלִים פַארְוָואס מֶען דַארְף בְּרֶענְגֶען נָאר אַ הַאלְבֶּע שֶׁקֶל אוּן נִישְׁט קַיין גַאנְצֶע, וַוייל דָאס קוּמְט אוּנְז אוֹיפְוֶועקְן פוּן דִי דִמְיוֹן וָואס מִיר טְרַאכְטְן אַז 'אִיךְ אַלֵיין בִּין גַאנְץ, אִיךְ אַלֵיין בִּין גוּט', דִי מִצְוָה פוּן בְּרֶענְגֶען נָאר אַ הַאלְבֶּע שֶׁקֶל קוּמְט צוּ לֶערְנֶען אַז אַ אִיד קֶען נָאר זַיין גַאנְץ מִיט אַ צְוֵוייטְן, סַיי מַאן אוּן וַוייבּ, סַיי מִיט אַנְדֶערֶע, מֶען מוּז זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, נָאר אַזוֹי אִיז מֶען גַאנְץ. דָאס בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "'וְשֶׁקֶל אֶשָּׂא בְּבַיִת נָכוֹן וְנִשָּׂא', אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין גַאנְץ מִיט אַנְדֶערֶע, זַיין גַאנְץ אִין שְׁטוּבּ".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת צִיצִית הֲלָכָה ז, אוֹת ט): "כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּעַצְמוֹ הוּא רַק בְּחִינַת מַחֲצִית וְאֵין לוֹ שְׁלֵימוּת כִּי אִם עַל יְדֵי שֶׁנִּצְטָרֵף לַחֲבֵירוֹ", אַ אִיד פַאר זִיךְ אִיז נָאר הַאלְבּ, מֶען וֶוערְט נָאר גַאנְץ דוּרְךְ זַיין מִיט אַ חַבֶר, מִיט נָאךְ אִידְן, דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן דִי מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, מֶען מוּז זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם, מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אַלֵיין; שָׁלוֹם אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אוּן מַחְלוֹקֶת אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל נָאר מַחְלוֹקֶת, פַיינְטְשַׁאפְט, דָאס אִיז דִי אוֹתִיּוֹת ס' (זֶעכְצִיג) מ' (פֶערְצִיג), מֶען זָאל טְרַאכְטְן 'אִיךְ בִּין מֶער, יֶענֶער אִיז וֵוייניגֶער'; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נִישְׁט אַזוֹי, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אַלֶע זָאלְן זַיין בְּאַחְדוּת, יֶעדֶער זָאל טְרַאכְטְן 'אִיךְ אַלֵיין בִּין נָאר הַאלְבּ, אִיךְ מוּז זַיין מִיט אַנְדֶערֶע'.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט - דַארְף מֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אוּן אַלֶץ ווִיסְן 'אִיךְ בִּין הַאלְבּ, אִינְאֵיינֶעם מִיט מַיין וַוייבּ זֶענֶען מִיר גַאנְץ', אוּן אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן - וֶועלְן מִיר מַאכְן אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה; דָאס לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי פַּרְשָׁה.

וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעטוּן אָנֶעם רֶבִּי'ן, אָן דִי עֵצָה פוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; דָאס רַאטֶעוֶועט אוּנְז, אוּן דָאס מוּזְן מִיר גֶעבְּן פַאר נָאךְ אִידְן; מִיר מוּזְן גֵיין הֶפָּצָה, טוּן פַאר אַנְדֶערֶע, עֶס זָאל זַיין אַ גַאנְצֶע שֶׁקֶל.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא כִּי תִשָּׂא, ג) מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מִשֶּׁאֲנִי מֵת אֵין אֲנִי נִזְכָּר", אַז אִיךְ וֶועל שְׁטַארְבְּן וֶועט מֶען מֶער נִישְׁט גֶעדֶענְקֶען פוּן מִיר, וָואס וֶועט זַיין? "אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "חַיֶּיךָ", אִיךְ שְׁוֶוער, "כְּשֵׁם שֶׁאַתָּה עוֹמֵד עַכְשָׁו וְנוֹתֵן לָהֶם פָּרָשַׁת שְׁקָלִים וְאַתָּה זוֹקֵף אֶת רֹאשָׁן", אַזוֹי וִוי יֶעצְט זָאגְסְטוּ פַאר דִי אִידְן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי שְׁקָלִים אוּן דוּ הֵייבְּסְט אוֹיף זֵייעֶר קָאפּ, "כָּךְ בְּכָל שָׁנָה וְשָׁנָה שֶׁקּוֹרְאִין אוֹתָהּ לְפָנַי", אַזוֹי וֶועט זַיין אַלֶע יָארְן וֶוען מֶען וֶועט לֵיינֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן שְׁקָלִים, "כְּאִלּוּ אַתְּ עוֹמֵד שָׁם בְּאוֹתָהּ שָׁעָה וְזוֹקֵף אֶת רֹאשָׁן" וֶועסְטוּ זַיין מִיט זֵיי אוּן זֵיי אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם קָאפּ.

דֶעם שַׁבָּת קֶען מֶען פּוֹעֶלְ'ן אַן אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּענֶעם קָאפּ, מֶען קֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְבֶּעטְן, זָאגְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל אַ קָאפּ, אִיךְ ווִיל אַ רֵיינֶע קָאפּ, רֵיינֶע מַחְשָׁבוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן רֵיינֶע מוֹחִין, נָאר פוּן דִיר טְרַאכְטְן, נָאר צוּ דִיר זִיךְ בֶּענְקֶען".

נָאךְ אַ שְׁטַארְקֶע חִיזוּק קֶענֶען מִיר הָאבְּן פוּן דִי מִצְוָה פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט בְּרֶענְגֶען אַ גַאנְצֶע שֶׁקֶל נָאר אַ הַאלְבֶּע, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ ווִיל מֶען זַיין גוּט - נָאר אַז מֶען קֶען זַיין אִינְגַאנְצְן גוּט, אוֹיבּ וֶועט מֶען נָאר קֶענֶען זַיין אַבִּיסְל גוּט - ווִיל מֶען בִּכְלַל נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן, עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט. אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל יָא מֶען זָאל טוּן וָואס מֶען קֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אוּנְזֶער הַאלְבֶּע אַרְבֶּעט. מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין מַלְאָכִים, מִיר זֶענֶען מֶענְטְשְׁן מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ זֶען וִוי מִיר פְּרוּבִּירְן עֶפֶּעס צוּ טוּן גוּטְס, וִוי מִיר טוּעֶן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם הַאלְבְּוֶועגְס; דָאס אִיז דֶער מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל.

גֶעבּ הַאלְבּ, טוּ הַאלְבּ, קֶענְסְט נִישְׁט טוּן דִי גַאנְצֶע? דַארְפְסְט נִישְׁט טוּן דָאס גַאנְצֶע; וָואס קֶענְסְטוּ יָא טוּן? וִויפִיל קֶענְסְטוּ יָא טוּן?

מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי מִיט גוּטֶע עֵצוֹת, מִיר דַארְפְן אֵיין זַאךְ, מִיר דַארְפְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר דַארְפְן אַוֶועק לֵייגְן דִי אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל אוּן טוּן וָואס דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זָאגְן אוּנְז. (צוּזַאמְגֶענוּמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה)

# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי׳ן (רמ)

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַרָאפּ פוּן וָואגְן אוּן הָאט גֶעדַאוֶוענְט דָארְט אִינְאֵיינֶעם מִנְחָה.

נָאכְ׳ן דַאוֶוענֶען הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אַסַאךְ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, סְפֶּעצִיעֶל אַרוֹיסְצוּגֵיין אִין פֶּעלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער וֶוען מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, צְוִוישְׁן דִי גְרָאז, וַוייל דִי גְרָאז הֶעלְפְן צוּ אַז דָאס הַארְץ זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, ״עֶס אִיז זִיכֶער דָא עֶרְלִיכֶע אִידְן, כָּאטְשׁ וָואס זֵיי מַאכְן נִישְׁט קַיין הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ רוּף זֵיי אָבֶּער אָן ׳פְלִיטֶעס׳, צֶעפְלוֹיגֶענֶע אוּן צֶעמִישְׁטֶע מֶענְטְשְׁן. אוּן וֶוען מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט פְּלוּצְלִינְג אָנְקוּמֶען אוּן זֵיי רוּפְן, וֶועלְן זֵיי זַיין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אוּן צֶעטוּמְלְט. אוּנְז וֶועלְן אָבֶּער שְׁפִּירְן דֶעמָאלְט וִוי אֵיינֶער וָואס דֶערְוֶועקְט זִיךְ פוּן שְׁלָאף, מִיט אַ רוּאִיגֶע אוּן אוֹיסְגֶערוּטֶע מֹחַ, אַזוֹי וֶועט אוּנְזֶער קָאפּ זַיין רוּאִיג אוּן מְיוּשָּׁב, אָן קַיין בִּלְבּוּלִים אוּן צֶעמִישֶׁענִישׁ״.

דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט אִין שְׁטָאט.

### תשצד

שְׁפֶּעטֶער אִינְמִיטְן דִי וָואךְ, אִיז דֶער רֶבִּי וִוידֶער גֶעפָארְן אִין פֶעלְד, צוּזַאמֶען מִיט רֶבִּי נָתָן אוּן נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אוֹיפְ׳ן וֶועג הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט אַסַאךְ פוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, עֶר הָאט דֶערְמַאנְט וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס וֶועגְן חָכְמוֹת (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן תשצ״ב), אַז דוּרְךְ חָכְמוֹת קֶען מֶען אַוֶועקְגְלִיטְשְׁן פוּן רִיכְטִיגְן וֶועג, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ זַיין אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל אוּן חָכְמוֹת, קֶען עֶר אַרַיינְפַאלְן אִין שְׁטַארְקֶע טָעוּתִים אוּן מִכְשׁוֹלוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, בִּיז מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין פֶעלְד.

אִין פֶעלְד אִיז דֶער רֶבִּי אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען פוּן וָואגְן אוּן מֶען הָאט אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְט, דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט אוֹיךְ גֶערֶעדְט אַסַאךְ אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ זַיין הֵיילִיג סֵפֶר ״לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן״, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף אַזוֹיפִיל חַזְרְ׳ן דֶעם סֵפֶר בִּיז מֶען זָאל עֶס מַמָּשׁ קֶענֶען אוֹיסְנְוֶוינִיג.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״

שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# מְ׳צָאלְט וֵויינִיג, אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי אַרְבֶּעט?



*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אַ גְרוֹיסְן שְׁ׳כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ מִיט מַיינֶע חֲבֵרִים הֶערְן אוֹיס כִּמְעַט יֶעדְן טָאג, אוּן מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּה דֶערְמִיט.

מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ ה׳ אָנְגֶעהוֹיבְּן שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ דִי חוּמָשׁ. אוֹיךְ לֵיין אִיךְ דִי בְּרִיוו, אוּן אַסַאךְ בְּרִיוו זֶענֶען מַמָּשׁ וִוי גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מִיר.

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה, מַיין בַּעַל הַבַּיִת הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט 11 דָאלֶער אַ שָׁעָה, אוּן נָאךְ אַ יָאר אִיז עֶר אַרוֹיף צוּ 12 דָאלֶער אַ שָׁעָה, אָבֶּער אֲפִילוּ נָאךְ צְוֵויי יָאר וִויל עֶר נִישְׁט גֶעבְּן מֶער, אוֹיךְ הַאלְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אָפּ פוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ, אוּן דִי אַרְבֶּעט אִיז מוֹרָא׳דִיג שְׁוֶוער צוּ דֶעלִיוֶוערְן בַּאקְסֶעס.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרוֹיסְגֵיין אָבֶּער אִיךְ צִיטֶער אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט טְרֶעפְן קַיין דְזְשַׁאבּ, אוּן נִישְׁט קֶענֶען צָאלְן דִי רֶענְט. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ מוֹרָא אַז מַיין וַוייבּ אוּן מַיין מִשְׁפָּחָה וֶועלְן מִיר אָנְקוּקְן וִוי אַ שְׁלִימַזָל וָואס טוֹישְׁט יֶעדְן טָאג צוּ אַ נֵייעֶ דְזְשַׁאבּ. אִיךְ פִיל מַמָּשׁ וִוי אִיךְ וֶוער דֶערְשְׁטִיקְט אוּן אִיךְ קֶען מִיךְ נִישְׁט אַ עֵצָה גֶעבְּן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז דָא אַ דִּיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: ״אַ פַּרְנָסָה טָאר מֶען נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפְן, נָאר דִי פַּרְנָסָה זָאל דִיר אַוֶועק וַוארְפְן״; דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אוֹיבּ מֶען הָאט אַ בַּעַל הַבַּיִת וָואס שְׁרֵייט אוּן פַארְשֶׁעמְט זַיין אַרְבֶּעטֶער אַז מֶען אִיז מְחוּיָּב צוּ אַרְבֶּעטְן בַּיי אִים אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶען צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ דֶער בַּעַל הַבַּיִת פִירְט זִיךְ אוֹיף שֵׁיין צוּ אִים, אוֹיבּ דֶער בַּעַל הַבַּיִת שְׁרֵייט אוּן פַארְשֶׁעמְט, אִיז זִיכֶער כְּדֵי צוּ טוֹישְׁן צוּ אַ צְוֵוייטֶע אַרְבֶּעט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין קִידּוּשִׁין כב:): ״פַארְוָואס בָּארְט מֶען דִי אוֹיעֶר פוּן אַן עֶבֶד עִבְרִי, וַוייל מֶען וִויל אִים זָאגְן מִיט דֶעם, אֹזֶן שֶׁשָּׁמְעָה עַל הַר סִינַי (וַיִּקְרָא כה, נה): כִּי לִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים, וְלֹא עֲבָדִים לַעֲבָדִים, וְהָלַךְ וְקָנָה אָדוֹן לְעַצְמוֹ, תֵּרָצַע״, דֶער אוֹיעֶר וָואס הָאט גֶעהֶערְט ׳צוּ מִיר זֶענֶען דִי אִידְן קְנֶעכְט, אוּן נִישְׁט קְנֶעכְט פַאר קְנֶעכְט׳, מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז עֶר זִיךְ גֶעגַאנְגֶען פַארְדִינְגֶען פַאר אַ קְנֶעכְט צוּם קְנֶעכְט - זָאל מֶען בָּארְן זַיין אוֹיעֶר; אַ אִיד אִיז אַ עֶבֶד נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַוַדַאי דַארְף מֶען בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, מֶען נֶעמְט אַן אַרְבֶּעט וְכוּ׳, אָבֶּער אוֹיבּ יֶענֶער נִיצְט דִיר פַאר אַ קְנֶעכְט - דָאס שׁוֹין נִישְׁט, אִיךְ בִּין אַן עֶבֶד נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַז זַיין גַאנְצֶע פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.): דְרֵיי שְׁלִיסְלֶעךְ לִיגְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי שְׁלִיסְל פוּן רֶעגְן, דִי שְׁלִיסְל פוּן קִינְדֶער אוּן דִי שְׁלִיסְל פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים, בְּמַעֲרָבָא אָמְרֵי אַף מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה, אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאגְט מֶען: אוֹיךְ דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה; זֶעט מֶען פוּן דָא אַז פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ קְלַאפְּן אוּן וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן טְרַאכְטְנְדִיג: ׳אִיךְ בִּין אַ שְׁלִימַזָל׳, ׳אִיךְ טוֹיג אוֹיף גָארְנִישְׁט׳, וַוייל פַּרְנָסָה הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיטְן מֶענְטְשׁ, פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח.): ״בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךְ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךְ, וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לָךְ, אֵין נוֹגֵעַ בַּמּוּכָן לַחֲבֵרוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא״, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּ נֶעמֶען פוּן אַ צְוֵוייטְן אֲפִילוּ אֵיין פְּרוּטָה, נָאר יֶעדֶע זַאךְ קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי אַלֶע וָואס לֶעבְּן מִיט מוֹרָא אַז מֶען וֶועט זֵיי אַרָאפּ קוּקְן, זֶענֶען בֶּאֱמֶת אַרָאפּ גֶעקוּקְט בַּיי זִיךְ אַלֵיין; אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי זִיךְ שְׁטַארְק, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר טוּט גוּט, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - אַזַא מֶענְטְשׁ אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט וָואס אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט, עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אָן וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אִים.

דַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט זִיכֶער מִיט זִיךְ אַלֵיין, דֶערְפַאר טְרַאכְסְטוּ ׳אֶפְשָׁר וֶועט מַיין וַוייבּ מִיךְ אַרָאפּ קוּקְן׳, ׳אֶפְשָׁר וֶועט מִיךְ מַיין מִשְׁפָּחָה אַרָאפְּקוּקְן׳, ׳וָואס וֶועט דֶער זָאגְן אוֹיף מִיר׳, ׳וָואס וֶועט יֶענֶער טְרַאכְטְן אוֹיף מִיר׳ וְכַדּוֹמֶה; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין בַּיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, אַז

<<<<<<

עֶס זָאל אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט אוֹיף אִים אוּן טְרַאכְט אוֹיף אִים.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן דִי פָאלְגֶענְדֶע מַעֲשֶׂה, מֶען הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט פֶּסַח בַּיינַאכְט וִוי אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד וֵויינְט בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר", "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר?", עֶר הָאט עֶס אִיבֶּער גֶעזָאגְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דָא צוּ וֵויינֶען בַּיי דִי וֶוערְטֶער?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אִיךְ זֶע אִין דִי הַגָּדָה אַז דֶער חָכָם זָאגְט עֶפֶּעס, דֶער רָשָׁע זָאגְט עֶפֶּעס, וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס דֶער חָכָם זָאגְט אוֹיף מִיר, וָואס דֶער רָשָׁע הַאלְט פוּן מִיר, אָבֶּער "תָּם, מָה הוּא אוֹמֵר"? עֶר וַוייזְט מִיטְן פִינְגֶער אַרוֹיף אוֹיבְן, וָואס זָאגְט מֶען אוֹיף מִיר אוֹיבְן אִין הִימְל, (אוֹיף רוּסִישׁ זָאגְט מֶען 'דָארְט'– תָּם), דֶערְפַאר וֵויינְט עֶר: 'תָּם, מָה הוּא אוֹמֵר?' וָואס זָאגְט מֶען אוֹיבְן אוֹיף מִיר; דֶער הַאלְט אִיז אִיךְ בִּין אַ בַּטְלָן, דֶער הַאלְט אִיךְ בִּין אַ שְׁלִימַזָל, אָבֶּער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס הַאלְסְטוּ פוּן מִיר? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וַוייז מִיר אַבִּיסְל לִיבְשַׁאפְט, וַוייז מִיר אַז דוּ הָאסְט מִיר לִיבּ.

עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת וֶוען אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט פֶערְזֶענְלִיךְ וְכוּ', אָבֶּער מְחַזֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן – אֲפִילוּ מֶען קֶען אִים נִישְׁט – דָאס קֶען מֶען יָא; דֶערְפַאר וִויל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין. אָחִי הַיָּקָר, שְׁטַארְק דִיר, גֵיי אַרַיין אִין אֱמוּנָה, חַזֶר דִיר דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט – נָאר דֶער אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר אִיז אַלֶעס, אוּן אַלֶעס אִיז עֶר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר, אַלֶעס אִיז נָאר עֶצֶם עַצְמִיּוּת חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ. וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ חַזֶר'ט אֱמוּנָה, וֶוערְט עֶר מֶער אוּן מֶער אוֹיף גֶעבּוֹיט, מֶען וֶוערְט זֶעלְבְּסְט שְׁטֶענְדִיג אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַאר מֶען טוּט אַ זַאךְ דַארְף מֶען זִיךְ דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט נִישְׁט צִי דוּ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטֶע פַּרְנָסָה אָדֶער דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן בַּיי דַיין אַלְטֶע פְּלַאץ, שְׁמוּעֶס דִיר אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם וִויסְן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן. מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אֵיינֶער וָואס הָאט נָאךְ נִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, וָואס מֶען שְׁפִּירְט וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, וִוי אַזוֹי מֶען בַּאקוּמְט צוּרִיק תְּשׁוּבוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט אִים, וִוי אַלֶעס אִיז אַזוֹי קְלָאר, מֶען וֵוייסְט אַז וָואס מֶען טוּט אִיז גוּט, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט צוּרִיק, מֶען עֶסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף דָאס הַארְץ מִיט טְרַאכְטְן 'אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעדַארְפְט טוּן', 'אִיךְ הָאבּ אַהֶער גֶעדַארְפְט טוּן', נָאר מֶען אִיז זִיכֶער מִיט זִיךְ וַוייל מֶען הָאט יֶעדֶע זַאךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט פַארְדֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(מִתּוֹךְ מִכְתָּב עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵּי שָׂרָה תשע"ח)

# שיינע סעודת הילולא פון מוהרא"ש זי"ע

פארגאנגענע וואך דינסטאג איז פארגעקומען א הערליכע סעודת הילולא צו די עלפטע יארצייט פון אונזער גרויסן רבי'ן, מוהרא"ש זי"ע, די מעמד איז אפגעהאלטן געווארן אין די זאלן פון וועלי טערעס אין מאנסי, בראשות פונעם ראש ישיבה שליט"א.

אין די נאכמיטאג שעה'ן האט זיך פארזאמלט א גרויסער עולם, תלמידי היכל הקודש, זיך צו שטארקן און ווייטער גיין אין דעם וועג וואס מוהרא"ש זי"ע האט אונז אויסגעלערנט, ספעציעל אין דעם ענין פון "הפצה והדפסה", צו פארשפרייטן די ליכט פונעם הייליגן רבי'ן. דאס איז געווען מוהרא"ש'ס עיקר זאך אויף וואס ער האט געשטרעבט א גאנץ לעבן. שוין פונעם ערשטן מאמענט וואס ער איז נתקרב געווארן צום רבי'ן, האט ער זיך פארגענומען אז ער וועט נישט רוען ביז מ'וועט קענען באקומען דעם רבינ'ס הייליגע ספרים איבער די גאנצע וועלט, אז ס'זאל זיין גרינג פאר יעדן איינעם דאס צו געפינען.

ער האט אליין געוואוסט ווי שטארק ער האט זיך געמוטשעט ביז ער האט געפונען א ספר פונעם רבי'ן, און ער האט געזען וואס פאר א געוואלדיגע השפעה די עצות האבן געהאט אויף אים. ער איז פארוואנדלט געווארן פון א בחור וואס האט נישט געקענט זיצן אויף איין פלאץ און האט נישט געהאט קיין געדולד אדער געפיל צום לערנען, צו א איד וואס איז אינגאנצן דבוק אינעם אויבערשטן און לערנט פלייסיג א גאנצן טאג. ער האט געוואלט אז יעדער איינער זאל האבן די מעגליכקייט צו זען דעם דאזיגן ליכטיגקייט.

מ'האט זיך געוואשן צו א רייכע סעודה, און דער יושב ראש, דער טאלאנטפולער יונגערמאן מו"ה אליעזר זוסיע ווערטהיימער הי"ו, האט מייסטערהאפט געפירט דעם גאנצן אווענט.

דערנאך האט דער עולם געהאט די געלעגנהייט צו הערן הארציגע און קונסטליכע גראמען פונעם באליבטן מו"ה מרדכי לייב טירנויער הי"ו, וועלכער האט אראפגעמאלן דאס לעבן פון מוהרא"ש און שיין ארויסגעברענגט ווי אזוי ער האט באוויזן איבערצוקומען אלע שוועריגקייטן אין זיין לעבן און אויספירן זיינע רצונות, און דאס אלעס נאר דורכ'ן כח התפלה וואס האט אים שטענדיג באגלייט.

נאכדעם האט מען געהערט א באריכט פונעם גבאי'ן מו"ה לייבי ראטה הי"ו, וועלכער האט ארומגערעדט איבער אלע פעולות פון "קרן הדפסה". ער האט פארגעלייגט א באריכט פונעם בודזשעט אינאיינעם מיט די פלענער אויף ווייטער און פארשידענע נייע פראיעקטן וואס די קרן פלאנט אויסצוברייטערן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף. ער האט אויך מיטגעטיילט פערזענליכע מעשיות פון ישועות און עדות'שאפטן פון מענטשן וואס האבן געזען ישועות למעלה מדרך הטבע דורכ'ן מנדב זיין צו דרוקן א ספר, א זאך וואס מוהרא"ש זי"ע האט צוגעזאגט אז מ'וועט זען א ישועה דורך דעם.

שפעטער האט מען געהערט פייערדיגע דיבורים פונעם באקאנטן משמח אלקים ואנשים מו"ה מאיר מרדכי בערקאוויטש הי"ו, וואס איז וועלט-בארימט מיט זיין טאלאנט צו פירן גרויסע מעמדים. ער האט אויפגעברענגט זיינע זכרונות פונעם ראש ישיבה פון יארן צוריק און וואס ער האט אלס בייגעוואוינט, און ארויסגעברענגט וואספארא געוואלדיגע זכיה דאס איז פאר אים צו זען היינט, נאך אזויפיל יארן, אז טראץ אלע רדיפות וואס מען איז אדורך, זעט מען היינט ווי אזוי ס'איז אויסגעוואקסן אזא שיינע אימפעריע מיט הונדערטער תלמידים. ער האט באזונדער ארויסגעהויבן די זכיה וואס אנשי שלומינו האבן צו קענען שטענדיג הערן דעם ראש ישיבה שליט"א און זיך מחיה זיין מיט די זיסע עצות.

און דאן האט דער עולם מיט גרויס דארשט אויסגעהערט די ווארימע דיבורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, וועלכער האט משמיע געווען דברי חיזוק והדרכה. דער ראש ישיבה שליט"א האט ברייט ארומגערעדט און מסביר געווען וואס מוהרא"ש האט געוואלט פון אונז, וואס עס מיינט צו זיין א תלמיד פון היכל הקודש, די וויכטיגקייט פון רעדן צום אייבערשטן, דעם סדר הלימוד, שלום בית, און אזוי ווייטער. דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט די רייכע ירושה וואס מוהרא"ש האט אונז איבערגעלאזט און געמוטיגט דעם ציבור זיך צו טיילן דערמיט.

דערנאך האט מען געבענטשט ברכת המזון, און דער עולם איז זיך צעגאנגען מיט א פרישקייט ווייטער צו גיין אויף דעם דאזיגן זיסן און לעכטיגן וועג.


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל וועבערמאן** הי"ו קרית ברסלב
צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב
הבחור **נפתלי וועבערמאן** הי"ו

***

מו"ה **שלום יוסף יאקאבאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
צו די אפשערן פון זיין זון
עוזר יונה נ"י למזל טוב

## גוט שלאפן

**וויפיל שעה דארף א מענטש שלאפן?**
**וויפיל אזייגער גייט מען שלאפן?**
**ווען שטייט מען אויף?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 1, 77**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >